# דוד בערגעלסון
# יורדים

## JORDIM

De pdf-tekst van het verhaal Jordim van Dovid Bergelson is afkomstig van de Jiddisje sectie van de Universiteit van Haifa.

In Grine Medine 59/60 staat een vertaling van het verhaal in het Nederlands van Kees van Hage onder de titel *Verarmde mensen.*

www.grinemedine.nl

דוד בערגעלסון

# יורדים

1

אַז צבֿיהן, דער קלענערער און בייזער פֿון די צוויי פֿאַרזעסענע שוועסטער פֿוזיס, עסט זיך איַין דאָס אַלטע אָפּגעקומענע לעבן, הערט זי אויף צו עסן, צו טרינקען און צו וואַשן דאָס פּנים. עטלעכע טעג כּסדר דרייט זי זיך אַרום אין אונטערשטן קליידל מיט אַ וולוטשקן שאַלכל אויפֿן צעשויבערטן קאָפּ, און רוימט אין אַלע חדרים און איבערהויפּט אין דער גרויסער פּוסטער זאַל, ווישט שמיַידיק דעם שטויב פֿון די ווענט, פֿונעם באַלקן און פֿון יעדן פֿאַרגעלטן בלאַט, וואָס אויף די אַלטע הויכע פֿיקוסן, זי אָטעמט דערביַי שווער דורך דער נאָז, ענטפֿערט נישט אויף קיינעמס ווערטער און ווערט שטאַרק אין כּעס, אַלמאַי מ׳רופֿט זי אין עסצימער אַריַין עסן.

אַקעגן אַ פּאָר מעת־לעת פֿאַסט זי אַזוי אָפּ אָן אַ ביסן אין מויל, אָן אַ וואַרעם גלעזל טיי אַפֿילו, נאָר סוף־כּל סוף וואַלגערט זי זיך איַין אין בעט אַריַין, ס׳שטייט די גאַנצע ציַיט ביַי איר אין צימער נישט צוגעקליבן, און שיסט אויס מיט אַ האַרצריַיסנדיקן געוויין. דאָס געוויין איז אַ ייִאושדיקס, אַ יאָמערדיקס און קאָן זיך אַוועקציען אַ טאָג און צוויי.

”רבונו־של־עולם, כליפּעט זי שווער אַרויס, מ׳פֿוילט דאָך דאָ אין שטוב אָן תּכריכים... לעבעדיקערהייט האַלט מען דאָ אין איין פֿוילן...”

און די דאָזיקע ווערטער אירע רירן שטאַרק אָן די עלטערע שוועסטער, רחלען, אַ קליין וווּקסיק פֿיר־און־דריַיסיק־יאָריק מיידל מיט קליינע וויַיבערישע וואָנצעלעך. זי געפֿינט זיך די גאַנצע ציַיט דאָ אין צימער לעבן צבֿיהן און היט זי. זי שטייט מיטן פּנים צום פֿענצטער און קוקט, ווי די שכנה די באָנדערקע באַוויַיזט זיך אין הויף מיט אַ פֿאַרקאַטשעט קליידל און מיט אַ פֿולן הויך אויפֿגעהויבענעם צעבער לעבן פֿאַרריסענעם טראָגעדיקן בויך, דער באָנדערקע פֿלאָנטערט זיך אַ קליין פֿאַרמורזשעט מיידעלע צווישן די

פֿיס; זי האַלט עס אין איין שעלטן. רחל קוקט דורכן געשלאָסענעם פֿענצטער, ווי בײַ דער באָנדערקע שאָקלען זיך אָן אויפֿהער די גראָבע געדראָלענע ליפּן, און קיין קול הערט זי נישט. בײַ רחלען אַליין שטיין אויך טרערן אין די אויגן, קוקנדיק אין פֿענצטער, בײַסט זי אַ קנעכל פֿון אַ פֿינגער און האַלט אין איין טראַכטן וועגן צבֿיהן:

„רבונו-של-עולם, וואָס וויל זי פֿון מײַן לעבן האָבן, צבֿיה?”

און נאָך:

„צבֿיה, דו ווייסט, וואָס דו טוסט איצט?... צבֿיה...”

נישט זי טראַכט אָט די ווערטער, נאָר זי געדענקט זיי.

טרעפֿן טרעפֿט זיך עס מערנסטנטייל נאָך שבֿועות, צו תּמוז צו, ווען אין אַלטן אָפּגעקומענעם הויז הייבן אָן באַנײַס אַ קאָן צו שוויצן די גראָבע געמויערטע ווענט, וואָס שטייען אַן אַרשין אין דער ערד. זייערע ציגל לאָזן אַרויס פֿלעקן פֿון אויבן אויפֿן ווײַסן קאַלך און פֿאַרשפּרייטן אַרום זיך אַ פֿאַרדומפּענעם גערוך, אַ זיסלעכן און ברויזנדיקן, ווי דער ריח פֿון דער זודיקער גוראַלניע, אין וועלכער זיי זענען אַ מאָל אײַנגעמויערט געווען. אין אַלע צימערן איז דעמאָלט פֿון בײַטאָג שטיל און קיל. און נאָר אין עסצימער אויף דער קאַנאַפּע ליגט אָנגעלייגט דער אַלטער פֿוזיס, דער טאַטע פֿונעם הויז. ער איז אַ בלינדער. ער פּינטלט מיט די בלינדע אויגן, וואָס באַשטייען פֿון גאָרע ווײַסלעכער, הערט זיך אײַן אינעם געוויין, וואָס ציט זיך פֿון צבֿיהס צימער, און וויל וויסן:

„וואָס וויינט זי דאָרטן, צבֿיה?”

פֿון גרויס לאַנגווײַליקייט קראַצט ער זיך אין גרויען קאָפּ און אין דער באָרד, גענעצט מיט גרויסע אויסגעצויגענע גענעצן און שעפּטשעט דערבײַ מיט אַ צעצויגן מויל און מיט אַ שטאַרק געלעגערטער צונג:

„אַך טי, רבונו-של-עולם!... גאָטעניו... טאַטעניו...”

ער וואַרט:

יקותיאל דער אײַנבינדער, דער צעפּלאָכטענער שמש פֿון דער סאַדעגערער קלויז, וועט זיך שפּעטער אַביסל אַרײַנכאַפּן אַ קוק טאָן, צי ס'איז נישטאָ אַ גלאָז טיי, וועט ער אים אַביסל פֿאַרהאַלטן און וועט אים דערצײלן, אַז זײ זענען שלעק, די מײדלעך זײַנע.

„גרויסע שלעק..."

ער וועט מיט אים בכלל פֿאַרפֿירן אַ שמועס וועגן דער שטאָט, וועגן לײַטן און וועגן זיך, קלמן פֿוזיס, אַליין, וועגן זײַנע אַמאָליקע געשעפֿטן: איין מאָל האָט ער געקויפֿט פֿאַר אַ שיבוש אַ וואַלד, די זאַוואַלינע, האָט מען אים גערופֿן; געדענקט ער עס ווי הײַנט:

„האָט מען זי געהאַקט, די זאַוואַלינע, געהאַקט און געהאַקט אפֿשר צוועלף יאָר נאָכאַנאַנד, און דער בײַטל איז געווען פֿול, יקותיאל ווייסט דאָך, אַז אַ מאָל איז ער, קלמן פֿוזיס, געווען דער קלוגער... נאָר נאָך דעם, אַז דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט, איז די קלוגע געוואָרן זי, לֵאָה לשלום, דאָס ווײַב זײַנס, ווײַל זי האָט געהאַט רײַכע קרובֿים. איצט האַלטן אים, קלמנען, די קינדער זײַנע פֿאַר אַ נאַר".

„פּכע! וואָס וועט דערויף זאָגן יקותיאל?"

נאָר יקותיאל איז אַ קלוגיטשקער, אַ ווערטלזאָגער און אַ שווײַגער. ער האָט אַ היפּשע פֿלאַקסענע באָרד מיט אויך אַזעלכע היפּשע פֿלאַקסענע ברעמען, און אַז ער קומט אַרײַן, קוקט ער פֿון ווײַטנס אויפֿן אַלטן פֿוזיסן, קוקט מיט קלוגיטשקע אויגן, און אַ שמייכל שוועבט אים אונטער די אָפּגעשוירענע וואָנצעס אויף די נאַקעטע ליפּן.

„וואָס זאָל זיך הערן?" שרײַט ער צום בלינדן פֿוזיסן, „ס'איז שלעכט, רב קלמן! ביטער אין אַזאַ לאַנגן זומער-טאָג צו זײַן אַ קבצן".

און דער אַלטער פֿאַרלירט מיט אַ מאָל דעם האָנער; ער ווייסט נישט, וועמען מיינט יקותיאל, זיך צי אים, דעם אַלטן אָפּגעקומענעם פֿוזיסן. אַ ווײַלע ליגט ער אַזוי אַ נישטיקער און פּינטלט מיט די בלינדע נאַריש שעמעוודיקע אויגנווײַסלעכער.

„זיץ, יקותיאל”.

„אַ שיינעם דאַנק, רב קלמן”.

אַ פויזע.

„געווען אַ מאָל יאָרן אַ? יקותיאל”.

„געווען, רב קלמן”.

„און אַוועק, יקותיאל”.

„אַוועק, רב קלמן”.

דער אַלטער פֿאַרטראַכט זיך.

„וויפֿל ביסטו אַלט, יקותיאל?“

קיינער ענטפֿערט נישט.

דער אַלטער וויל וויסן, ס׳אַר אַן אויסזען האָט איצט די וועלט, וועלכע ער האָט שוין צײַט צוועלף יאָר נישט געזען; ס׳אַר אַן אויסזען האָט איצט יקותיאל.

„ יקותיאל,” פֿרעגט ער פֿאָרזיכטיק, ווי איינער, וואָס טרעט אויף די שפּיץ-פֿינגער, „ביסט שוין גרוי, יקותיאל?“

נאָר יקותיאל איז שוין נישטאָ. ער האָט באַמערקט, אַז אין שטוב איז עפּעס נישט ווי אַלע מאָל, און אַז קיין טיי וועט אַזוי גיך נישט זײַן, און האָט זיך שטיל אַרויסגערוקט. און דער אַלטער פֿוזיס ליגט שוין ווידער איינער אַליין אין היפּשן עסצימער און הערט פֿון ווײַטלעכן צימער צבֿיהס נאָגנדיק געוויין. אים איז לאַנגווײַליק, וואַרט ער:

אין דער הייסער פֿינף-אַזײַגערדיקער בײַטאָגעדיקער שעה וועלן זיך שאָטנס ציען איבערן קליינעם ברוקירטן שטעטל. טויט וועט זײַן דער היציקער דרויסן, און דער אָרטיקער בריוונטרעגער וועט דורכאײַלן דורכן שמאָלן געסל, וועט ער זיך, אפֿשר, אַרײַנכאַפּן אַהער און וועט

דאָ איבערלאָזן פּינקטלעך הונדערט פּופֿציק רובל מיט אַ קופּאָן, אין וועלכן ס׳וועט פּינקטלעך שטיין:

„בפּקודת בנכם הגבֿיר שיק איך אייַך רצוף פּה“ אאַז״וו.

און דאָס וועט זייַן פֿונעם איינציקן זון שמואלן, וואָס האָט ערגעץ אַרום יעקאַטערינאָסלאַוו עטלעכע אייגענע גוראַלניעס און שיקט אַהער אַלע חודש אויף צו לעבן.

נאָר דער בריוונטרעגער קומט אַזוי זעלטן, סך-הכּל איין מאָל אין חודש. טעג ציען זיך אַזעלכע לאַנגע, זומערדיקע, און צבֿיה ווײנט. דער אַלטער קראַצט זיך אין גרויען קאָפּ און אין דער באָרד, און שעפּטשעט ביַי יעדן לאַנגן אויסגעצויגענעם גענעץ:

„אַך טי, רבונו-של-עולם! גאָטעניו... גאָטעניו...“

## 2

ס׳טרעפֿט:

פֿון שמואלן, דעם רייַכן זון, קומט אָן אַ בריוו, אַז צבֿיה זאָל קומען. פֿון דער שנור איז פֿאַראַן אַ צושריפֿט:

אַצינד וועט שוין צבֿיה נישט חרטה האָבן“.

און נאָך:

„אויב ס׳פֿעלט איר אַ קליידל, זאָל עס קיין מניעה נישט זייַן“.

ס׳איז קלאָר, ווי דער טאָג: ס׳האַנדלט זיך וועגן אַ שידוך; דער חתן איז נישט אַבי-ווער: אויב ער געפֿעלט שמואלן מיט ברכהן, מסתּמאָ קוקט ער שוין נישט אויפֿן שיינעם פּנים, און דער עיקר איז ביַי אים דער „מענטש“, דער „גראַד“.

דער אַלטער איז אויפֿגערעגט. ליגנדיק אויף דער קאַנאַפּע, האַלט ער אין איין פּינטלען מיט די בלינדע ווייַסלעכער און איז צופֿרידן:

„וואָס זשע דען? שמואל... מ'האָט נישט געוווּסט פֿריער, אַז ער וועט איר צוזוכן אַ חתן?“

ער גייט שיער נישט אויס, אַזוי וויל ער ויסן, ווער איז דער חתן, און איבערהויפּט, דער מחותּן, דער נײַער מחותּן. כּדי דערגיין, צי אין שמואלס בריוו איז נישטאָ אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם, האַלט ער אין איין חנפֿענען די מיידלעך:

„כ'בעט דיך, רחלע-סערדצע, וויפֿל האָט שמואל אייגענע גוראַלניעס?“

ער ווייסט, אַז שמואל איז בײַ די מיידלעך געהויכט און געקרוינט , האַלט ער דעריבער אין איין רעדן צו זיך אַליין:

„געווען אַ מאָל אַ חסידישער יונגערמאַן, שמואל... געפֿאָרן נאָך דער חתונה מיטן שווער קיין אויסלאַנד צום רבין. און איצט, זאָגט מען, טראָגט ער לייקענע הענטשקעס און גיט די האַנט די פּריצות, מיט וועלכע ער האַנדלט. און אַ באָרד דאַרף ער האָבן אַ היפּשע, אַ שוואַרצע, אַ? רחלע, אַ יאָ, אַ שוואַרצע?“

נאָר די מיידלעך גלויבן, אַז די חכמה איז געווען די מוטער זייערע, לֵאָה לשלום, און אים, דעם בלינדן טאַטן, האַלטן זיי פֿאַר אַ נאַר. פֿון לײַטישקייט שווײַגן זיי, נאָר אַן אויסזען איז בײַ זיי אַזאַ, גלײַך זיי טראַכטן:

„משטיינס געזאָגט... פֿאַראַן וועמען צו ענטפֿערן“.

אַ פּאָר טעג איז די שטוב פֿול מיט פֿאַרבאַהאַלטענעם אויפֿגערעגטן ליאַרעם. בײַ צבֿיהן אין צימער געפֿינט זיך די גאַנצע צײַט די אָרטיקע אויפֿגעקלערטע דײַנטע, אָט די וואָס איז אַ מאָל געווען רחלס אַ חבֿרטע און האָט שוין דרײַ קינדער און איז אויפֿגעצויגן געוואָרן ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט בײַ אַ פֿרומער שטיפֿזיידן, אַ גבֿיר. זי נייט צבֿיהן קליינינקייטן און גיט עצות. זי טראָגט און האָט פֿלעקן אויפֿן פּנים און רעדן רעדט זי מיט אַזאַ זיכערקייט, גלײַך זי איז אַ גרויסער מומחה אין די זאַכן און ווייסט אַ שפּרוך, ווי צו געפֿעלן אַ חתן, זי האָט קרייטעכצער...

סוף-כּל-סוף פֿאָרט צבֿיה אַוועק. פֿון פֿאָרנט בײַ דער שטוב שטייט אַ געדונגענער בעל-עגלה מיט צבֿיהס אונטערגעבונדענעם קאָרב, און רחל שטייט דאָרטן מיט טרערן אין די קרומלעכע רחמנות-אויגן און מיט אַ פֿאַרבאָרגענעם קנאָה-ווייטיק, וועלכער וועט קיין מאָל נישט אַרויסגעזאָגט ווערן, און טאַפּט אויף דער בעל-עגלישער בריטשקע דאָס קישעלע:

„ס'וועט איר כאָטש זײַן גוט צו זיצן, צבֿיהן?"

נאָר אין פֿיר וואָכן ארום קומט צבֿיה צוריק אַן אויסגעמאָרעטע מיט אַ פֿאַרברענט פּנים, ווי פֿון אַ קוראָרט, מיט אַ שטילן נײַ צוגעקומענעם יִיאוש אין האַרצן און מיט אַ גוואַלדיקן קאָפּווייטיק פֿון דער נישט-געשלאָפֿענער נאַכט אין וואַגאָן.

בשעת זי קריכט אַראָפּ פֿון דער פֿור, שמייכלט זיך נאָך, זי איז ווי צופֿרידן, וואָס זי איז אַהיים געקומען. אין שטוב איז אויך ווי יום-טובֿדיק. אויפֿן טיש אין עסצימער ליגט אַ פֿריש געל טישטעך, מ'טרינקט טיי. די אויפֿגעקלערטע דינסטע איז אויך דאָ, און צבֿיה קרימט זיך, קלאָגט זיך אויף קאָפּווייטיק און אויף דער רעשדיקער חתונה, וואָס מ'האָט אַ וואָך צײַט געפּראַוועט דאָרטן בײַ שמואלס רײַכן שווער אין דער היים.

„ווי איז מיר", קרעכצט זי, "פֿיל טומל, אַז ס'טוט אַ סקריפּע די טיר, ווײַזט זיך מיר נאָך אַלץ אויס, אַז ס'שפּילן קלעזמער".

דער אַלטער ליגט דאָ בײַ דער זײַט אויף דער קאַנאַפּע און פּינטלט מיט די בלינדע ווײַסלעכער.

„נו", פֿרעגט ער, „און ווי אַזוי איז עפּעס בײַם מחותּן אין שטוב? דער מחוטן איז רײַך, אַ? אַ ברייט פֿירעכץ?..."

און וועגן דעם בריוו, וואָס שמואל האָט צוגעשיקט צוריק מיט אַ חודש, רעדט מער קיינער קיין וואָרט נישט. צבֿיה שלאָפֿט אָפּ בײַ אַנדערהאַלבן מעת-לעת בײַ זיך אין צימער, און אַז זי שטייט אויף, זשומעט איר נאָך אַלץ אין די אויערן, און בײַ יעדן סקריפּ פֿון דער טיר, ווײַזט זיך איר אויס, אַז ס'שפּילן קלעזמער, אָדער מ'פֿײַפֿט דער צוג. ס'ציען זיך שוין ווידער לאַנגע זומערדיקע טעג און אין שטוב

איז קיינער נישטאָ. ס׳איז קיל אין שטוב, און דער אַלטער ליגט איינער אַליין אויף דער קאַנאַפּע. ער קראַצט זיך פֿון גרויס לאַנגווייַליקייט אין גרויען קאָפּ און אין דער באָרד, און שעפּטשעט ביַי יעדן לאַנגן, אויסגעצויגענעם גענעץ:

„אַך טי, רבונו-של-עולם!... גאָטעניו!... טאַטעניו!...“

איצט וועט שוין אין שטוב, דאַכט זיך, מער גאָרנישט נישט פֿאָרקומען.

3

נאָר אָט מאַכט זיך:

פֿון שמואלן, דעם רייַכן זון, קומט איין מאָל אָן אַ דעפּעש, אַז איבערמאָרגן פֿאָרט ער דורך אויף דער נאָענטער קליינער סטאַציע, ער איַילט קיין אויסלאַנד אויף אַ קוראָרט און בעט, מ׳זאָל צופֿאָרן צום וואָקזאַל זיך זען.

ס׳איז פֿאַר זון-זעצן זיך. און דער טאָג איז אַזאַ קלאָרער און געשענקטער, אַ שפּעטזומערדיקער טאָג. דער אַלטער פֿוזיס ליגט דעמאָלט אין עסצימער אויף דער קאַנאַפּע און וואַרט, מ׳זאָל אים אָנטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע און אים אַרויספֿירן אַ ביסל אין גאַס שפּאַצירן. נישט-לאַנג איז דאָ אין שטעטל אין רייַכקייט געשטאָרבן זיַין אַמאָליקער לאַנג-יאָריקער שותּף ישׂראל קיטיווער. און דעם קיטיווערס איייניקל נאָטע-הערש בויט איצט איבער דעם זיידנס הויז און ציט אַרויס אַ נייַעם גאַניק אין מאַרק אַרייַן. ליגט דער אַלטער אויף דער קאַנאַפּע און מאָלט זיך אויס, ווי ער וועט באַלד בלינדערהייט שטיין דאָרטן אין מאַרק לעבן דעם הויז, וואָס בויט זיך. אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע וועט ער דאָרטן שטיין און וועט אָנווייַזן נאָטע-הערשן מיטן שטעקן:

„זעסטו, נאָטע-הערש. אָט דאָ, ווו דו ציסט דעם גאַניק, איז אַ מאָל געווען, געדענק איך, אַ טיפּע קאַנאַווע, איז כּדאַי אַ גראָב טאָן און זען, צי דער גרונט וועט אויסהאַלטן.“

און אַרום און אַרום שטייען שטאָט-לײַט און קוקן:

„וואָס זשע דען”? שמועסט מען, „קלמן פֿוזיס... איין מאָל אין זײַן לעבן האָט ער געבויט?“

דער אַלטער גאַרט אַזש, אַזוי שטאַרק ווילט זיך אים אין מאַרק אַרײַן צום קיטיווערס הויז.

„נו, רחלע-סערדצע”? פֿרעגט ער אַלע רגע, „ווּ זשע איז זי, די שבתדיקע קאַפּאָטע?“ נאָר רחל ענטפֿערט נישט. אין שטוב איז עפּעס געשען, דעם דעפּעש פֿון שמואלן האָט מען אַפּנים דערלאַנגט צו די מיידלעך אין צימער דורכן פֿענצטער, און די בשורה אָנזאָגן איז עמעצער פֿון דאָרטן געשווינט אַוועקגעלאָפֿן. איצט איז דאָ שוין ווידער פֿאַראַן די אָרטיקע אויפֿגעקלערטע דײַנטע. מײַלער רעדן אַלע אין איינעם, און אַ יום-טובֿדיקער ליאַרעם וויקלט זיך אַרום מענטשנס לײַבער. עס דאַכט זיך: אין דער לעצטער פֿאַרייִאושטער רגע איז די שטוב אויפֿגעריכט געוואָרן פּלוצים, אומגעריכט און אויף אייביק, אויף אייביק. צי האָט נישט שמואל דעפּעש אַ שײַכות צו זײַן בריוו, אין וועלכן ער האָט אָנהייב זומער געשריבן, אַז צבֿיה זאָל קומען?... צי פֿירט ער איצט נישט מיט זיך די ישועה אַהער אין שטוב? מסתּמאָ פֿאָרט ער נישט אַליין...”

בײַ רחלען שטייען טרערן אין די קרומלעכע רחמנות-אויגן. זי קוקט, שמייכלט און קאָן נישט רעדן. און פּלוצים טוט זי זיך אַ זעץ צו אויפֿן בענקל, וואָס אין אַ זײַט אין ווינקל און שיסט אויס מיט אַ געוויין:

„שמואל!... אַכט יאָר אים נישט געזען, שמואל!...“

און עס דאַכט זיך, אַז זי רופֿט אים, ער איז דאָ אין צווייטן חדר.

---

אויף מאָרגן אַ גאַנצן טאָג האַלטן די מיידלעך אין איין האָרעווען און טאָן.

מ׳באַקט לעקעכלעך און אַנדערע זיסע זאַכן אין וועג אַריַין.
מ׳שוועגקט נאָזטיכלעך, און מ׳פּרעסט זיך אַליין וויַיסע קאָפּטלעך. די פֿענצטער זענען אָפֿן. דאָס דינסטמיידל איז חושד רחלען, אַז זי קרויזט זיך די האָר, און דער אַלטער ליגט אין עסצימער אויף דער קאַנאַפּע, און אים דאַכט זיך, אַז פֿון דריטן חדר, ווו די מיידלעך שטייען בײַם טיש און טוען אַלע מאָל אַ שטעל אַוועק דאָס אָנגעהיצטע פּרעסאָל, דערהערט ער אָפּט, ווי עמעצער טוט אַ זינג..
ער פּלאַפּלט מיט יקותיאלן, דעם צעפּלאָכטענען שמש פֿון דער סאַדעגערער קלויז:

„געווען אַ מאָל אַ חסידישער יונגערמאַן, שמואל, אַ? געפֿאָרן נאָך דער חתונה מיטן שווער קיין אויסלאַנד צום רבין... און איצט איז ער רײַך, שמואל, שטאַרק רײַך“.

אַז ער ווערט אַנטשוויגן, פֿינטלט ער מיט די בלינדע אויגן און מאָלט זיך, ווי אַזוי שמואל זעט איצט אויס:

„אַ באָרד דאַרף ער האָבן אַ היפּשע, אַ שוואַרצע. ער טראָגט לייקענע הענטשקעס און גיט די האַנט די פּריצות, מיט וועלכע ער האַנדלט... שמואל!...“

ער שלאָפֿט קוים איבער די נאַכט. און אין דער פֿרי, אַז ער גייט אַרויס אין פֿאָר-כאַלאַט אין איינעם מיט די מיידלעך צום געדונגענעם בעל-עגלישן פֿאַעטאָן, וואָס שטייט בײַ דער שטוב און וואַרט, זעצט ער זיך אַזוי גיך נישט אויף; בלינדערהייט גייט ער אַרום דעם פֿאַעטאָן, ער טאַפּט, צי ס׳איז פֿאַראַן אַ לעדערן בײַדל, און אים דאַכט זיך, אַז אין שאָטן, אין ברוקירטן געסל שטייען דורכויס שטאָט-לײַט און קוקן:

„קלמן פֿוזיס פֿאָרט זיך זען מיטן זון“.

„בײַם פֿאַעטאָן“, פֿרעגט ער, „איז דאָ אַ בײַדל?... אַ? סע דאָ?“

מ׳לייגט אָן גאַנצע וויאָרסטן און מ׳פֿרעגט אַרום-און-אַרום מיטן ברייטן פּאָסט-וועג. מ׳זיצט אין פֿאַעטאָן אויסגעפּוצט, יום-טובֿדיק אויפֿגערעגט, גלײַך מ׳פֿאָרט אויף אַ חתונה, און מ׳איז ברוגז אויפֿן אַלטן, אַלמאַי ער מאַכט נישט צו כאָטש אויף אַ רגע דאָס מויל. נאָר

אַז מ׳קומט אויפֿן קליינעם וואָקזאַל, באַמערקט מען אָקאָרשט, אַז מ׳איז אַרויסגעפֿאָרן צו פֿרי, און מ׳נודעט זיך לאַנגע שעהן. שמואלס צוג איז אַ פּלאַץ-קאַרטנדיקער, אַ דראָטיק קרעפֿטיקער און אַ שנעלער. אַז ער טוט אַ לויף צו צום קליינעם וואָקזאַלכל, גיט מען שוין מיט אַ מאָל צוויי קלינג, און דער אויסגעפּוצטער „אָבער“ האָט דאָ אויף דער קליינער סטאַנציע פֿאַר קיינעם קיין דרך-ארץ נישט און שינדט די הויט, מ׳זאָל געבן דעם דריטן קלונג:

„פֿאַרטיק? אַ?“

אויף דער פּלאַטפֿאָרם ווערט אַ געיאָגעריי, און פֿון מיטן טומל רײַסט זיך אַרויס אַ שטאַרקער זיכערער זאַפֿטיקער באַריטאָן:

„טאַטע! איך בין אָט דאָ! אין פֿענצטער שטיי איך!“

אין וואַגאָן-פֿענצטער שטייט אַ יונגער ברוסטיקער ייִד מיט אַ היפּשער שוואַרצער באָרד און אַ ביסל עזותדיקע, ווי מיט לאַק גלאַנצנדיקע אויגן. דאָס איז שמואל, דער רײַכער, גליקלעכער זון שמואל. ער שטרעקט אויס אַראָפּ די שלום-עליכם-האַנט, און דער אַלטער שטייט לעבן פֿענצטער אַ פֿאַרציטערטער, אַ דערשראָקן פֿאַרטרייסלטער. ער פּינטלט שטאַרק מיט די בלינדע ווײַסלעכער און זוכט אָט די האַנט מיט אַלע זײַנע צען ציטעריקע פֿינגער, און די מיידלעך הייבן אים אונטער די עלנבויגנס און העלפֿן אים זי געפֿינען. אָט האָט ער זי סוף-כּל-סוף געפּאַקט, די האַנט. ער נישטערט אַרום איר מיט אַלע צען ציטעריקע פֿינגער און טאַפּט זי געשווינט אַרום און פּרוּווט זי אויס.

„ס׳איז שמואלס האַנט“, פֿרעגט ער, „אַ?... שמואלס האַנט?...“

נאָר דער עזותדיק אויסגעפּוצטער „אָבער“ האָט זיך שוין דערשלאָגן דעם דריטן קלונג און דער צוג האָט שוין גערירט. דעם אַלטנס פֿינגער טאַפּן נאָך אַ ווײַלע אין דער לופֿט מיט אַזאַ געפֿיל, גלײַך זיי באַרירן נאָך אַלץ דעם גלאַטן סאַמעט פֿון אַ נײַער זעמשענער הענטשקע, און לאָזן זיך פּאַמעלעך אַראָפּ.

איצט וועט מען פֿאָרן אַהיים, פֿונעם צוג איז שוין סײַ-ווי-סײַ קיין זכר נישט געבליבן. ער איז פֿאַרשווּונדן ערגעץ דאָרטן ווײַט, ווײַט אינעם

עקסטן שפּעלטל פֿונעם שפּעט-זומערדיקן האָריזאָנט. מ׳זעצט זיך צוריק אין פֿאַטעאָן און מ׳זוכט אין בויד, מ׳האָט פֿאַרלוירן אַ פֿול טישטעכל מיט פֿרישע ווײַסינקע צוקער-לעקעכלעך. נאָר נאָך וואָס האָט מען זיי, אייגנטלעך, אַהער געפֿירט, אָט די צוקער-לעקעכלעך?

מ׳שווײַגט. דעם בעל-עגלהס פֿערד זענען מיד. קוים-קוים וואָס זיי טרייסלען זיך. און די גלעקער אויף זייערע העלזער, קוים-קוים וואָס זיי קלינגען. נאָר אויף אָט דער שוואַכער מידער גלעקער-קלאַנג רעגט אויף צבֿיהס נערוון און ברענגט זי אַרײַן אין כּעס:

„רבונו-של-עולם, זי וועט פֿון אָט די גלעקער משוגע ווערן“.

אין אַ ברייטן שיפּועדיקן טאָל מוז זיך דער בעל-עגלה אָפּשטעלן און סוף-כּל-סוף די גלעקער אַראָפּנעמען. לינקס, איבער אַ ווײַטן וואַלד אַ קאַרליק, האַלט די פֿאַרגרעסטע זון בײַ זעצן זיך; זי האָט אַרום זיך אַ פֿליסיק טײַכל, אַ געלס און זויבערס, ווי לויטערער בורשטין און אַ פּאַס אַ ראָזער און אַ קורצער ציט זיך אויס בײַם האָריזאָנט און נאָגט צו איר פֿון ווײַטנס. נאָר דאָרטן דאַכט זיך, אַז זי וועט זיך קיין מאָל נישט זעצן, אָט די זון, זי וועט אַזוי בלײַבן הענגען, ווי אַ מאָל אין די צײַטן פֿון אַלטן גבֿעון.

דעם אַלטן האָט מען שוין אָפּגעטאָן זײַנס. מ׳האָט אויף אים אָנגעשריגן, אַלמאַי ער רעדט, און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט נאָר אַ פּינטל געטאָן מיט די בלינדע ווײַסלעכער און האָט געגעבן אַ שמייכל צו זיך אין דער באָרד אַרײַן:

„פּכע!... אַז זיי האַלטן אים פֿאַר אַ נאַר, די מיידלעך זײַנע“.

מ׳טרייסלט זיך אַהיים פּאַמעלעך, אָן גלעקער; מ׳וויל שוין וואָס גיכער אַהיים קומען און מ׳שווײַגט.

איצט וועט שוין געוויס קיין שום נײַעס אין אַלטן אָפּגעקומענעם הויז מער נישט פֿאָרקומען. איבער אַ יאָר זומער, אַז דאָרטן וועלן באַנײַעס אַ קאָן אָנהייבן שוויצן די גראָבע געמויערטע ווענט, וועט זיך צבֿיה ווידער אַרומדרייען אין אונטערשטן קליידל און וועט פֿאַרעקשנטערהייט רוימען אין אַלע חדרים, זי וועט נישט עסן, נישט טרינקען און וועט זיך סוף-כּל-סוף אַרײַנוואַרפֿן בײַ זיך אין צימער אין

בעט מיט אַ געוויין. און דער אַלטער פֿוזיס וועט דעמאָלט ווידער אַ מאָל ליגן אין קילן עסצימער אויף דער קאַנאַפּע און וועט פּינטלען מיט די פֿאַרשמאָלטע בלינדע ווײַסלעכער. ער וועט נישט וועלן, אַז יקותיאל דער שמש זאָל זיך אָנשטויסן, וואָס סע באַטײַט צבֿיהס געוויין, וועט ער פֿאַרפֿירן מיט אים אַ שמועס:

„געווען אַ מאָל יאָרן, אַ? יקותיאל”.

„געווען, רב קלמן“.

„און אַוועק, יקותיאל, אַ? אַוועק, ווי אַ שאָטן“.

„נעכטיקע טעג, רב קלמן”.